**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/24/2025 **גאווערנער KATHY HOCHUL**

**גאווערנער HOCHUL מעלדט דריי אגענטור קאמישאנער קאנדידאטן**

***די גאווערנער נאמינירט Denise Miranda צו דינען אלץ קאמישאנער פון די אפטיילונג פון יומען רעכטן***

***די גאווערנער נאמינירט Amanda Lefton צו דינען אלץ קאמישאנער פון די דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג***

***די גאווערנער נאמינירט Willow Baer צו דינען אלץ קאמישאנער פון די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די נאמינאציע פון דריי ניו יארק סטעיט אגענטור קאמישאנער. די גאווערנער נאמינירט Denise Miranda (דעניס מיראנדא) צו דינען אלץ קאמישאנער פון די אפטיילונג פון יומען רעכטן (State Division of Human Rights), פארוויילונג און היסטארישע אפהיטונג (Recreation and Historic Preservation) [sic], Amanda Lefton (אמאנדא לעפטאן) צו דינען אלץ קאמישאנער פון די דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC); און Willow Baer (ווילאו בער) צו דינען אלץ קאמישאנער פון די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס ( State Office for People With Developmental Disabilities, OPWDD_.

"אאזוויי מיר ארבעטן צו מאכן ניו יארק די בעסטע פלאץ פאר אויפצוהאדעווען א פאמיליע, איז עס קריטיש צו האבן א טעים מיט די פעיגקייטן און ערפארונג צו מאכן די ציל צו א ריאליטעט," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די פיר [sic] קאנדידאטן האבן זיך אויפגעוויזן צו זיין שטארקע פירער מיט א רעקארד פון דערגרייכונגען - און זיי וועלן שפילן א וויכטיגע ראלע אין פירן די דריי סטעיט אגענטורן."

**וועגן קאמישאנער Denise Miranda (דעניס מיראנדא)**
Denise Miranda (דעניס מיראנדא) איז געווארן נאמינירט דורך גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) אין מערץ 2024 צו דינען אלץ די אקטיוועק קאמישאנער פון די אפטיילונג פון יומען רעכטן (DHR).

דורואויס איר ערשטע יאר אין די אפטיילונג, האט Ms. Miranda (מיס מיראנדא) אנגעפאנגען א פולשטענדיגע איבערמאכונג פון די אפטיילונג'ס אפעראציעס אנעמונג, פארמערט די שטאב מיט 40 פראצענט אין די ערשטע זעקס חודשים, אויסגעברייטערט עדיוקעישאן און אוטריטש איניציאטיוון און אנטיילגענומען אין האלסעיל ארגאניזאציע טוישונגען צו פארזיכערן און באשיצן די אפטיילונג'ס לעגעסי פון זיין די ערשטע סטעיט אגענטור אונעם לאנד וואס איז איבערגעגעבן צו באשיצן יומען און צווילע רעכטן. אין נאוועמבער פון יאר 2024, האט זי געגרינדעט די ערשטע "באריכט האס" ( " Call Out Hate") קאמפיין לענגאויס די סטעיט צו שטיצן די ארבעט פון די אפטיילונג'ס האס און איינזייטיגקייט

פארמיידונג איינהייט (Division of Human Rights Hate and Bias PreventionUnit), וואס איז געווארן געגרונדעט צו באקעמפן איינזייטיגקייט און דיסקרימענאציע. ביי די סוף פון די אקטיווע קאמישאנער'ס ערשטע יאר אין DHR און מיט די גאווערנער'ס שטיצע, האט DHR געזען א 30 פראצענט פארמערונג אין איר בודזשעט און האט געארבעט צו פארמערן די אגענטור'ס פארמיידונג באמיאונגען בשעת'ן פארשנעלערן איר פראצעדורן פאר אויספארשונג און אורטייל פון אנקלאגעס.

פריער, האט אקטיווע קאמישאנער Miranda (מיראנדא) געדינט אלץ עקזעקעטיווע דירעקטאר פונעם ניו יארק סטעיט גערעכטיגקייט צענטער פארן באשיצונג פון מענטשן מיט ספעציעלע געברויכן (New York State Justice Center for the Protection of People with Special Needs) פאר זיבן יאר. זי האט איבערגעקוקט די אגענטור'ס אפעראציעס, וועלכע האבן אריינגענומען אויספארשונגען פון אביוז און נאכלעסיגקייט, קרימענאלע אויספארשונגען און אדמיניסטראטיווע אויפפירונג פארהאנדלונגען. אונטער איר פירערשאפט, האט די גערעכטיגקייט צענטער באהאנדלט מער ווי איין מיליאן מענטשן, מיט א ארבעטסקראפט פון מער ווי 425 איינגעשטעלטע און א 41 מיליאן דאלער אויפהאלטונג בודזשעט.

**וועגן קאמישאנער Amanda Lefton (אמאנדא לעפטאן)**
די פארשידנארטיגע קאריערע פון Amanda Lefton (אמאנדא לעפטאן) לויפט אדורך די פובליק און פריוואטע סעקטאר, אריינגערעכנט דינען אלץ די דירעקטאר פון די ביורא פון ים ענערגיע מענעדזשמענט (Bureau of Ocean Energy Management, BOEM) אינערהאלב די דעפארטמענט פון די אינערוויייניג (Department of the Interior). אונטער איר פירערשאפט, האט BOEM אנטוויקלט און איינגעפירט אן אמביציעפולע פעדעראלע בארטן ווינט פראגראם שאפנדיג א נייע אינדוסטריע פון דזשאבס וואס קענען שטיצן פאמיליעס און געלעגנהייטן פאר דורות. איר צוגאנג פון צוזאמארבעט האט צאמגעברענגט פארשידענע ביזנעס אייגנטומער צו פאראנטווארטליכעהייט אנפירן די לאנד'ס קריטישע בארטן ענערגיע און מינעראלן קוועלער.

איידער איר ראלע אלץ BOEM דירעקטאר, האט Lefton (לעפטאן) געדינט אלץ די ערשטע געהילף סעקראטאר פאר ענערגיע און ענווייראמענט פאר ניו יארק (Energy and Environment for New York), וואו זי האט אנגעפירט די סטעיט'ס ענווייראמענטאלע און קלימאט איניציאטיוון שטייענדיג איבער א צאל עקזעקיוטיווע אגענטורן אריינגערעכנט די DEC. זי האט אויך געארבעט פאר די נאטור שיץ אין ניו יארק (Nature Conservancy in New York) אלץ די דעפיוטי פאליסי דירעקטאר און קלימאט פארבעסערונג פירער, די ראטשעסטער ראיאנישע געמיינזאמע באורד פון יונייטעד ארבעטער (Rochester Regional Joint Board of Workers United) און די ניו יארק סטעיט אסעמבלי און ניו יארק סטעיט סענאט. מערסט לעצטנס, איז Lefton (לעפטאן) געווען די וויצע פרעזידענט פון בארטנעס אנטוויקלונג פון מזרח אמעריקע ביי RWE (Offshore Development, U.S. East at RWE) - איינע פון די וועלט'ס פירענדע שפילער אין די בארטנס ווינט סעקטאר.

זי קומט פון קווינס, און איז אויפגעוואקסן אויף לאנג איילענד און פארמאגט א בעטשעלאר פון קונסטווערק פון די יוניווערסיטעט אין אלבאני. יעצט וואוינט זי אין די קאפיטאל ראיאן מיט איר ווייב און שטיף קינדער.

**וועגן קאמישאנער Willow Baer (ווילאו בער)**
Willow Baer (ווילאו בער) איז געהערט צו ווערן נאמינירט אלץ קאמישאנער פון OPWDD. איידער ווערן אקטיווע קאמישאנער, האט Willow (ווילאו) געדינט אלץ OPWDD's עקזעקיוטיווע דעפיוטי קאמישאנער און איבערגעקוקט די אגענטור'ס אפעראציע אנפירונג, אריינגערעכנט פלאנירונג, פינאנציעלע פלאנירונג און איבערזוכט און פאלאסי אנטוויקלונג. זי איז אויך געווען פאראנטווארטליך צו איבערקוקן די אגענטור'ס שטאב אין א ברייטע אויסוואל פון מעגליכקייטן, אריינגערעכנט דירעקטע קעיר

שטיצע, קלינישע און מעדיצינישע שטאב אין רעזידענשל און נאן-רעזידענשל אומשטענדן, אויפהאלטונג און אפעראציעס.

Willow (ווילאו) האט צוויי מאל געדינט אלץ הילף קאונסעל פאר גאווערנער (קעטי האקול), איבערקוקנדיג לעגאלע פריאריטעטן און לעגיסלאציע לענגאויס די פעלדער פון יומען סערוויסעס און גייסטישע הייגענע. אין צוגאב, האט Willow (ווילאו) געדינט אלץ אלגעמיינע קאונסעל פאר OPWDD, אלגעמיינע קאונסעל און דעפיוטי קאמישאנער פאר די אפיס פון קינדער און פאמיליע סעוויסעס ( Office of Children & Family Services) און אלץ קאונסעל פאר די NYS גערעכטיגקייט צענטער. Willow (ווילאו) האט באקומען די נאמען פון א ‘2024 שטארקע שפילער אין העלט קעיר דורך Politics NY און amNY Metro.

Willow (ווילאו) האט פארברענגט איר גאנצע קאריערע ארבעטנדיג צו באשיצן און אדוואקטירן פאר אונטער-רעפרעזענטירטע באפעלקערונגען. זי וועט ווייטער טוען די אגענטור’ס ארבעט צו פארזיכערן אז ניו יארק איז א סטעיט וואס נעמט יעדן אריין, שטיצנד און אין וואס מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס וואוינען מיט באדייטנדע איסוואל און זענען שטאלץ עס צו אנרופן זייער היים.

**אקטיווע קאמישאנער פון די אפטיילונג פון יומען רעכטן Denise Miranda (דעניס מיראנדא) האט געזאגט,** "עס איז די עהרע פון מיין קאריערע צו ווערן נאמינירט דורך גאווערנער Hochul (האקול) צו פירן די אפטיילונג פון יומען רעכטן. פאר נאנט צו 30 יאר, האט איך איבערגעגעבן מיין פראפעסיאנאלע לעבן צו פאראויס ריקן יומען רעכטן און באשיצן עמפינדליכע געמיינדעס לענגאויס ניו יארק סטעיט, און איך בין דאנקבאר צו די גאווערנער פאר זיך פארלאזן אויף מיר מיט די פאראנטווארטליכקייט. איך בין זייער צופרידן צו אננעמען די נאמינאציע און צו ארבעטן צוזאמען מיטן גאווערנער צו אויספלאסטערן די אגענטור’ס קומעדיגע קאפיטל אזוי ווי מיר פייערן 80 יאר פון אונזער NYS יומען רעכטן געזעץ. איך קוק פאראויס צו ארבעטן שטארק צו באשיצן די צעווילע רעכטן פון אלע ניו יארקער."

**אריינקומענדע קאמישאנער פון די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג Amanda Lefton (אמאנדא לעפטאן) האט געזאגט,** "איך בין באעהרט אז גאווערנער Hochul (האקול) פארלאזט זיך אויף מיר אויסצופירן די קריטישע מיסיע פון די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג. איך בין פארפליכטעט צוצושטעלן באדייטנדע רעזולטאטן צו פארבעסערן די געזונט און זיכערהייט פון געמיינדעס לענגאויס די גאנצע סטעיט און צו באשיצן אונזער ענווייראמענט און נאטוריכע קוועלער פאר צוקונפטדיגע דורות."

**אקטיווע קאמישאנער פון די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס Willow Baer (ווילאו בער) האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר אז אונטער גאווערנער Hochul’s (האקול) פירערשאפט, האט ניו יארק סטעיט צוריקבאקומען איר סטאטוס אלץ א נאציאנאלע פירער אין צושטעלן סערוויסעס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס מיט פאליסיס וואס פריאריטאזירן מער זעלבסשטענדיגקייט, אינאוויטיווע וואוינונג אפציעס און געמיינדע איינגלידערונג. איך בין באעהרט און זייער צופרידן צו ווערן נאמינירט דורך די גאווערנער צו פירן די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס און איך בין בייאיינפאכט יעדן טאג צו טוען די ארבעט צוזאמען מיט אסאך זעלבס-אדוואקאטן און פאמיליעס לענגאויס ניו יארק סטעיט וואס קעמפן פאר גלייכבארעכטקייט און אריינעמונג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן